**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ואתחנן ה מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, זונטאג פרשת ואתחנן, ה׳ מנחם אב תשפ״ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן וואך; און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן תמיד.

## די הילולא קדישא פונעם הייליגן אריז״ל

היינט געפאלט די יארצייט פון מרן הגאון והקדוש, דער אר״י הקדוש, רבינו יצחק בן רבי שלמה לוריא אשכנזי, זכר צדיק וקדוש לברכה לחיי העולם הבא, זכותו יגן עלינו, תהא נשמתו צרורה בצרור החיים. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן ער זאל זיין א מליץ יושר פארן גאנצן כלל ישראל, און אידישע קינדער זאלן זוכה זיין היינט צו פועל׳ן גרויסע ישועות ברוחניות ובגשמיות: געזונט, פרנסה, נחת, און אלע ברכות. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן עס זאל זיין אן עת רצון צו פועל׳ן ישועות, און עס זאלן זיך עפענען די צינורות פון השפעות טובות, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

וויאזוי איז צוגעגאנגען די פטירה פונעם אר״י הקדוש? פרייטאג ערב שבת פרשת מטות-מסעי, ראש חודש מנחם אב שנת של״ב, איז דער אר״י הקדוש ליידער ארייגעכאפט געווארן אין די גרויסע מגפה וואס האט זיך דעמאלטס ארופגעלאזט אויף צפת, רחמנא ליצלן. די תלמידים, די רבנים און די גדולי העיר האבן אלע איינגעריסן ביים רבונו של עולם און געבעטן רחמי שמים מרובים, אז דער אר״י הקדוש זאל ווייטער מאריך ימים ושנים זיין און ווערן געזונט און שטארק.

למעשה, ווען מ׳איז אריינגעקומען באזוכן דעם אר״י הקדוש, האט ער געפרעגט די תלמידים: ״וואו איז ר׳ חיים ויטאל?״ האבן זיי געזאגט אז ער געפינט זיך אין בית המדרש און דאוונט אז דער רבי זאל ווערן געזונט. האט דער אר״י הקדוש געזאגט אז מ׳זאל אים איבערגעבן אז מ׳קען שוין נישט מבטל זיין די גזירה, וויבאלד דאס איז א גזירה וואס באשטייט פון א שבועה וואס מ׳קען נישט מבטל זיין. ער האט געבעטן אז מ׳זאל שוין רופן ר׳ חיים ויטאל ווייל ער וויל אים בענטשן.

**דעמאלטס האט דער אר״י הקדוש געזאגט פאר די תלמידים אז זיי זאלן זיין זייער געווארנט פון היינט און ווייטער, עס זאל שטענדיג הערשן שלום צווישן זיי, און זיי זאלן זיך זייער שטארק נוהג כבוד זיין איינער אינעם צווייטן. האבן די תלמידים דעמאלטס פארשטאנען, אז בעצם ווען עס וואלט געווען מער שלום און זיי וואלטן זיך מער נוהג כבוד געווען איינער צום צווייטן, וואלטן זיי געקענט מבטל זיין די גזירה מן השמים.**

## די עבודה פון מוחל זיין און אהבת ישראל ביים יארצייט

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, היינט איז דער טאג פון די יארצייט פונעם אר״י הקדוש. לאמיר אלע מקבל זיין: **הריני מקבל עלי לקיים מצות עשה של ואהבת לרעך כמוך, לא תשנא את אחיך בלבבך, לא תקום ולא תטור, ואהבת את ה׳ אלקיך. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, לאמיר אלע אויסשרייען מעומקא דלבא מיט אן אמת׳דיג הארץ: איך בין יעדן איד מוחל! הייליגער באשעפער, פיר צו אז אלע אידן זאלן מיר מוחל זיין, אלע אידן זאלן ארויסזאגן בפה מלא: מיר זענען יעדן מוחל, יעדן איינעם! איך האב אויף קיינעם נישט קיין שווער הארץ מהיום והלאה, איך בין מוחל מיט אן אמת׳דיג הארץ. און בזכות זה זאל דער הייליגער באשעפער אונז מוחל זיין אויף אלע אונזערע חטאים, עוונות ופשעים.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, בזכות זה וועלן מיר איינרייסן ביים הייליגן באשעפער אז אלע גזירות רעות פון אידישע קינדער זאלן בטל ווערן, ותגזור עלינו גזירות טובות ישועות ונחמות. עס זאלן זיין זיווגים הגונים, זרע של קיימא, ערליכע לעכטיגע אידישע קינדער, און עס זאל זיין שלום בעולם. אידישע קינדער זאלן מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם בהידורים; אידישע קינדער זאלן חלילה וחס נישט זיין אפגעהאקט פון די עלטערן אדער איין משפחה פונעם צווייטן. עס זאל נאר זיין ביי אידישע קינדער אהבה ואחוה שלום ורעות, בין אדם לחבירו און בין אדם למקום, און דער הייליגער באשעפער זאל בזכות זה משפיע זיין א שפע פון ישועות, רפואות, און פרייליכע, לעכטיגע, לוסטיגע און גליקליכע יארן. אידישע קינדער זאלן נאר זען נחת דקדושה און צינורות פון השפעות פארן גאנצן כלל ישראל.

## די הארבקייט פון מצער זיין נאר ארויס ווייזן רחמנות אויף יענעם

אין ספר קב הישר (פרק ז׳) ברענגט ער, אז איינמאל איז דער אר״י הקדוש אנגעקומען אין א געוויסן פלאץ און ער איז איינגעשטאנען ביי א געוויסן בעל אכסניא. דער בעל הבית פון דער אכסניא האט זייער שטארק מכבד געווען דעם אר״י הקדוש מיט דעם כבוד וואס פאסט פאר׳ן גרויסן צדיק הדור.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ואתחנן ה מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ווען דער אר״י הקדוש האט שוין געהאלטן ביים אהיימגיין, איז ער זיך געגאנגען געזעגענען פונעם בעל הבית. ער האט אים געפרעגט וואס פאר א ברכה ער קען אים געבן, וויבאלד ער האט אים ממש מחיה געווען מיט זיין הכנסת אורחים. האט דער בעל הבית געענטפערט, אז ער האט ברוך השם קינדער, אבער זיי זענען נאך יונגע מענטשן און זיי ווילן האבן נאך קינדער. עס האט זיך אבער אפגעשטעלט און עס קומען נישט קיין פרישע קינדער. ער בעט דעריבער א ברכה אז זיי זאלן זוכה זיין צו האבן נאך קינדער.

האט דער אר״י הקדוש אים געזאגט: ״דו ווייסט פארוואס עס האט אויפגעהערט צו קומען קינדער? פארוואס זיי זענען נישט זוכה צו האבן נאך קינדער? ווייל עס איז געווען א קליינע לייטער ביי אים אין שטוב, וואס דורך דעם לייטער פלעגן די הינדעלעך ארויפגיין טרינקען וואסער פון א געוויסן כלי וואס איז דארט געלעגן פול מיט וואסער. אזוי ווי דער לייטער האט אים געשטערט, האט ער אוועקגענומען דעם לייטער, און דורך דעם האבן די הינדלעך געהאט א גרויסן צער. ממילא האט אים דער הייליגער באשעפער אויך, מדה כנגד מדה, געגעבן חלילה א צער אז ער האט נישט קיין נאך קינדער. לייג צוריק דעם לייטער, די הינדלעך וועלן ווייטער קענען ארויפגיין טרינקען וואסער, און דו וועסט געהאלפן ווערן מיט קינדער.״

## מאכן א חשבון הנפש אין די ניין טעג

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, שטעלט אייך פאר: א איד ווייסט גארנישט צו זאגן פון קיין הינדעלעך אדער פון וואסער; א לייטער שטערט אים, לייגט ער עס אוועק. אומבאוואוסטזיניג, פאר די הינדעלעך וואס ער האט מצער געווען, האט דער הייליגער באשעפער געמאכט מדה כנגד מדה אז ער זאל האבן צער.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן זיך יעדער איינער מאכן א חשבון הנפש, טאקע יעצט אין די ניין טעג, ווען מיר גרייטן זיך אויף די גאולה שלימה וואס וועט קומען בזכות אהבת חינם. לאמיר אריינטראכטן: **זענען מיר נישט מצער קיין שום איד? בין איך נישט מצער אויף קיין שום אופן שבעולם מיינע עלטערן, מיינע זיידעס און באבעס, מיינע ברידער און שוועסטער, מיינע שוואגערס און שוועגערינס, מיינע פעטערס און מומעס, מיינע קוזינס און חברים, אדער מיינע שכנים און שכנות? בין איך טאקע נישט מצער קיין שום איד?**

לאמיר בעטן דעם אייבערשטן באמת, ״ממעמקים קראתיך ה׳״. הייליגער באשעפער העלף, אז קיינער זאל דורך מיר נישט האבן קיין צער. איך זאל נאר האבן א פנים מאירות צו אלע אידן, איך זאל נאר אויפלייכטן אנדערע, און קיינעם אויף דער וועלט נישט מצער זיין. דורך דעם וועלן מיר זוכה זיין צו ישועות, רחמים און חסדים גלויים.

## אמונה און שמחה: זען דאס גוטס וואס דער באשעפער טוט

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, רבי אביגדור מילער ז״ל האט אמאל געזאגט אזוי: עס איז דא א בפירוש׳ער פסוק: ״וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד״. דער הייליגער באשעפער האט זיך אומגעקוקט אויף די וועלט, און ער האט געזען אז אלעס וואס ער האט געמאכט איז ״טוב מאד״ – עס איז זייער גוט. **אויב דיר איז נישט גוט, קוקסטו נישט גוט, ווייל דער אייבערשטער זאגט עדות אז ער האט זיך אומגעקוקט אויף די וועלט און אלעס אויף די וועלט איז גוט.**

אונז האבן מיר די בחירה וויאזוי מיר זאלן קוקן אויף די וועלט. דהיינו, דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז מען דארף דיך נישט פירן אויף א רעדער-שטול. און טאמער דו ביסט שוין אין די עלטערע יארן און מען דארף דיך יא פירן אויף א רעדער-שטול, אדער בכל אופן – דער הייליגער באשעפער זאל אפהיטן א מענטש וואס געפינט זיך אין א מצב וואס מען דארף אים יא פירן אויף א רעדער-שטול – זאל ער דאנקען דעם אייבערשטן אז עס איז דא א רעדער-שטול. אלעס וואס דער אייבערשטער האט באשאפן איז גוט, און דער הייליגער באשעפער זאגט עדות דערויף.

מיר האלטן יעצט אינמיטן משנה תורה, און נאך משנה תורה גייען מיר נאכאמאל אנפאנגען בראשית, וואו דער הייליגער באשעפער האט עדות געזאגט – דער בורא כל עולמים, דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, דער ״אין עוד מלבדו״ זאגט עדות – אז אלעס וואס ער האט באשאפן איז טוב. מיר דארפן זען, טראכטן, אויסטראכטן, חשבונ׳ען און אויסחשבונ׳ען, און בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו זען דאס גוטס און רעדן פונעם גוטס.

זיך אריינצולייגן אין דעם גוטן, אין דעם טוב, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ואתחנן ה מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

## די מצוה פון שמחה און די סכנה פון מרה שחורה

רבי יהודה הלוי שרייבט אין ספר הכוזרי (מאמר ג׳, אות י״א), אז א מענטש וואס לעבט אין יאוש, אדער א מענטש וואס לעבט אין דאגות און זארגן און איז נישט שמח בחלקו, ער איז עובר אויף א מצוה אין די תורה: ״וְשָׂמַחְתָּ בְכָל הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה׳ אֱלֹהֶיךָ וּלְבֵיתֶךָ״. דער אייבערשטער זאגט אונז: איך האב באשאפן א גוטע וועלט, און אין די וועלט איז נאר דא גוטס. דער אייבערשטער זאגט אונז אויך, אז דיין שמחה זאל נישט קומען פון זאכן וואס דו ווילסט נאך באקומען אדער פון זאכן וואס דו האפסט צו האבן; **דיין שמחה דארף זיין ״בְּכָל הַטּוֹב״ – אויף אלעס גוטס ״אֲשֶׁר נָתַן לְךָ ה׳ אֱלֹהֶיךָ וּלְבֵיתֶךָ״, וואס דער אייבערשטער האט דיר שוין געגעבן. ווייל דער אייבערשטער גיט אונז נאר גוטס, און אלעס וואס ער גיט איז גוט, און וואס דער אייבערשטער גיט מיר נישט, איז פשוט נישט גוט פאר מיר.**

האסטו שוין אמאל געזען א מענטש וואס דאווענט און בעט דעם אייבערשטן, ער האפט, בענקט און לעכצט נאך עפעס וואס איז נישט גוט? אויב א מענטש בעט אויף וואס ער האט נישט און וואס ער דארף נישט, און ער איז נישט צופרידן מיט דעם וואס ער האט, איז דאך דער פשט אז ער בעט חלילה אויף עפעס וואס איז נישט גוט פאר אים.

**איי, איר וועט פרעגן: וואס הייסט, א מענטש טאר נישט דאווענען? דאווענען זאל מען יא, אבער דערנאך דארף מען זאגן ״והטוב בעיניך עשה״ – וואס איז גוט אין דיינע אויגן, דאס זאלסטו טון. און נאכדעם דארף מען זיין בשמחה מיט דעם וואס מען האט; דאס איז נישט קיין סתירה מיט דאווענען.**

רבינו יונה אויפן פירוש הרי״ף אין מסכת ברכות (דף כ״א) שרייבט ער אז עצבון, עצבות, טרויעריגקייט און דעפרעסיע, דאס איז א חולי הגוף, א קראנקייט פונעם קערפער. ווען א מענטש איז חולה, הייליגע לעכטיגע קינדער, קען מען דאך נישט דינען דעם אייבערשטן. אין פסוק שטייט דאך ״והיית אך שמח״, מען דארף זיין נאר פריילך. ״בכל דרכיך דעהו״ – מען דארף וויסן אין יעדע זאך וואס מען טוט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט. אבער אז א מענטש מאכט זיך קראנק מיט עצבות, קען ער דאך נישט זיין בשמחה און ער קען נישט מקיים זיין ״בכל דרכיך דעהו״. קומט דאך אויס אז דער אייבערשטער פאדערט פון אונז: זיי נישט בעצבות! מאך דיך נישט קראנק! דו דארפסט זיין געזונט!

און א איד דארף וויסן: **עצבות און דעפרעסיע איז א בחירה. א מענטש ברענגט דאס אויף זיך אליין. דער אייבערשטער שיקט דאס נישט און גיט דאס נישט פאר א מענטש, ווייל דער הייליגער באשעפער איז מואס דערין**; דער הייליגער באשעפער וויל נישט וויסן פון אזא זאך ווי דעפרעסיע, עצבות אדער מרה שחורה. אשר על כן, דארפסטו וויסן אז **דאס איז נישט קיין בריאה וואס דער אייבערשטער האט באשאפן און ער שיקט עס דיר, אזוי ווי איינער וואס זאגט ״איך האב נישט קיין ברירה״. דער אייבערשטער שיקט עס נישט, נאר א מענטש אליין איז דאס בוחר**. פונקט ווי מען איז בוחר אלע עבירות וואס א מענטש טוט – חלילה רחמנא ליצלן, קיינער זאל עס נישט טון – אזוי אויך איז עצבות א זאך וואס נאר א מענטש ברענגט אויף זיך, און עס קומט בכלל נישט פונעם הייליגן באשעפער. עס איז א בחירה פונקט ווי מען קען בוחר זיין צו טון כל העבירות שבעולם, רחמנא ליצלן, דער הייליגער באשעפער זאל שומר ומציל זיין.

## די שמחה פון טוהן רצון השם אין יעדן מצב

דער הייליגער רבי ר׳ זושא האט געזאגט, אז אפילו אויב מ׳וועט גוזר זיין אויף אים ער זאל גיין אין גיהנום, וועט ער גיין בשמחה. אויב דאס איז דער רצון השם, מוז איך דאס טון מיט שמחה. ווען א מענטש טרעפט זיך און טראכט ביי זיך: ״איך בין גארנישט, איך בין אין שאול תחתית חלילה, קיינער דארף מיך נישט, קיינער ברויך מיך נישט, איך בין גארנישט אויף דער וועלט, איך האב גארנישט, איך בין גארנישט.״ ווייסטו וואס מ׳דארף טון ווען מ׳ענדיגט טראכטן די מחשבה? אפילו ווען ס׳איז נישט אמת, אבער ביי דיר רעדסטו דאך יעצט אז ס׳איז יא אמת. **ווייסטו וואס דו דארפסט טראכטן? יעצט דארף איך טאנצן א ״מזמור לתודה״, און יעצט דארף איך טאנצן א ״אהללה ה׳, ותמיד נספר״, און דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז איך קען טון דעם רצון השם**. איך קען ווייטער לערנען, דאווענען, היטן די תורה און מקיים זיין מצוות; אלעס גייט ווייטער אן. איך בין ביכולת צו הארעווען אויף צו האבן אן אמונה שלימה, בטחון און שמחה. דאס אליין דארף א מענטש משמח זיין. א מענטש דארף וויסן אז דער מצב, דער מקום, דער אופן, און אלעס וואו א מענטש געפינט זיך און וויאזוי ער איז – דאס איז דער רצון השם. און כדי מקיים צו זיין דעם רצון השם דארף איך האבן א ספעציעלע שמחה, ווייל יעדע זאך וואס דער אייבערשטער הייסט דארף מען טון בשמחה, כל שכן ווען עס קומט אן אזוי שווער.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ואתחנן ה מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

הערט וואס רבי נטע צענווירטה האט אמאל געזאגט: עס זענען געווען פיר כתות צווישן די אידן ביים ים סוף. עס זענען געווען די וואס האבן זיך געוואלט אריינווארפן אין ים, אבער משה רבינו האט זיי נישט געלאזט. עס זענען געווען די וואס האבן געוואלט צוריקגיין קיין מצרים, האט משה רבינו געזאגט אז מען טאר נישט. עס זענען געווען די וואס האבן געוואלט פירן א מלחמה מיט די מצריים, זאגט משה רבינו אז מען טאר נישט. און עס זענען געווען די וואס האבן געשריגן צום אייבערשטן, זאגט משה רבינו: קיין איינע פון די אלע זאכן דארף מען נישט טון. "התיצבו וראו", בלייבט שטיין און קוקט אויף די "ישועת ה'", די ישועה וואס דער אייבערשטער גייט שיקן. איר זעט די מצריים? איר גייט זיי מער קיינמאל נישט זען. איר ווייסט פארוואס? ווייל "ה' ילחם לכם", דער אייבערשטער וועט פירן די מלחמה פאר ענק, "ואתם תחרישון", און איר זאלט שווייגן.

וואס שטייט ווייטער? דער אייבערשטער זאגט: "דבר אל בני ישראל ויסעו" – גייט אריין אין וואסער אריין. ווער איז געווען דער ערשטער וואס איז אריינגעטאנצן אין וואסער? נחשון בן עמינדב. פרעגט ר' נטע צענווירט: פריער איז געווען א גאנצע מחנה פון אידן, הונדערטער אדער אפילו טויזנטער, וואס האבן געשריגן אז זיי ווילן אריינטאנצן אין ים. יעצט, ווען דער אייבערשטער זאגט "ויסעו", גייט, גייט, גייט אריין אין ים – איז נישטא קיין איינער! קיינער וויל נישט טאנצן, קיינער נעמט זיך נישט אונטער, מ'דארףווארטן אויף נחשון בן עמינדב ער זאל אריינטאנצן. וואו זענען אלע וואס האבן פריער געשריגן אז מ'גייט אריינטאנצן אין וואסער?

ענטפערט ר' נטע צענווירט: פריער איז עס געקומען מצד היצר, פון ייאוש, פון עצבות, פון מרה שחורה, פון דאגות, און פון "כוחי ועוצם ידי". דעמאלטס האט ער געהאט אסאך בעלים, זייער אסאך וואס זענען געווען מסכים פאלגן דעם יצר הרע און אריינטאנצן אין וואסער. אבער יעצט, ווען ס'איז א מצוה וואס דער אייבערשטער הייסט, איז דאס שוין אן אנדערע זאך. אויף דעם זענען שוין דא מניעות, אויף דעם זענען שוין דא עיכובים און שוועריגקייטן. אויף דעם דארף מען שוין האבן א נחשון בן עמינדב וואס זאל נעמען די קוראזש, וואס זאל נעמען די כוחות און די מוחות זיך מתגבר צו זיין מיט א מסירות נפש און אריינטאנצן אין וואסער.

איר פארשטייט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, **אויף יעדע דבר שבקדושה, יעדע מצוה, און יעדעס מאל וואס א איד דינט דעם אייבערשטן, דארף מען דורכגיין קשיים און שוועריגקייטן. מ'דארף האבן מסירות נפש**, ווייל מ'דארף דורכמאכן דעם יצר הרע. דער יצר הרע מוטשעט, ער לויפט נאך, ער פאניקט, און ער דרייט א קאפ. דער יצר הטוב, ער דרייט נישט קיין קאפ; ער בעט נאר איין מאל, אבער ער מאכט עס גוט שווער. און אז מ'ברעכט דורך די שוועריגקייטן, דעמאלטס הייבט מען אן צו שפירן דעם טעם. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער טעם איז "טעמו וראו כי טוב ה'".

## רעדט נישט פונעם עבר

איינער פון די גערער רבי'ס האט אמאל געזאגט אזוי: **אויפ'ן עבר דארף מען קיינמאל נישט טראכטן און מ'טאר קיינמאל נישט רעדן דערפון**, ווייל דאס האלט א מענטשן צוריק. אדער וועסטו ווערן א בעל גאוה אויב דו וועסט טראכטן גרויס פון דיר, אדער נאך ערגער, מ'קען אריינפאלן אין עצבות, וואס דאס איז א חסרון אין אמונה. ממילא קומט אויס אז א איד טראכט קיינמאל נישט פונעם עבר; מ'טראכט פונעם הווה און מ'טראכט פונעם עתיד. אזוי לעבט מען מיט הכנעה און שפלות הרוח צום אייבערשטן, מיט די ריכטיגע שמחה, שמחה של תורה, שמחה פון מצות און פון מעשים טובים. "שמחו בה'", מ'פרייט זיך מיט'ן אייבערשטן, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער.

## זיך פרייען מיט "שלא עשני גוי"

ר' משה לייב סאסאווער פלעגט טאנצן ווען ער האט געזאגט "שלא עשני גוי". שטעלט אייך פאר, פלעגט ער זאגן, אויב איך וואלט געווען א גוי, וואלט איך דאך געווען א גראבער גוי. אבער יעצט בין איך זוכה צו זיין א איד - א הייליגער איד, א לויטערער איד, א לעכטיגער און אויסגעאיידלטער איד. איר הערט? אן עם הנבחר! "בנים אתם לה' אלקיכם". מען דאווענט, מען לערנט, מען האלט זיך הייליג, מען האט התגברות און מען פארמאגט גוטע מדות. אה, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, "אשרינו מה טוב חלקנו ומה נעים גורלנו ומה יפה יפה ירושתנו".

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מען קלאגט אויפן חורבן און דאס הארץ רייסט, אבער מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז כאטש עס איז שוין באלד צוויי טויזנט יאר נאכן חורבן, זענען מיר נאך אלץ אידן. מיר דאווענען, מיר לערנען, און מיר שרייען אויס "שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד". מען דאנקט און מען לויבט דעם באשעפער, און מען פירט זיך אויף מיט א פנים מאירות אש"בש. מיט דעם שטארקט מען זיך, און מיט דעם גייען מיר אנטקעגן גיין מיר משיח צדקינו. דער הייליגער באשעפער זאל העלפן מיר זאלן פועל'ן אלע ישועות, און עס

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ואתחנן ה מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

זאל שטענדיג זיין לעכטיג, תמיד קנו רצון.

## הלכות כיבוד אב ואם

דער זיבעטער שיעור, צען מינוט, כיבוד אב ואם. ביידע טעג שבועות זאגט מען יוצרות אויף די עשרת הדברות, און אין ביידע טעג שטייט וואס מען זאגט ביי ״כבד את אביך ואת אמך״.

### דער ערשטער טאג שבועות: די געטריישאַפט פון עלטערן

דעם ערשטן טאג זאגט מען אזוי: זאלסט צוהערן דעם קול פון דיינע עלטערן, וואס זיי האבן זיך צוזאמגענומען מיט איין כוונה דיך צו געבוירן און דיך אויפצוציען. אסאך תפילות צום הייליגן באשעפער האבן זיי געבעטן ביז זיי האבן זוכה געווען צו האבן א קינד. זיי האבן דיך אריינגעברענגט בבריתו של אברהם אבינו, זיי האבן דיך אריינגעברענגט תחת כנפי השכינה, זיי האבן דיר געגעבן צו עסן ווען דו ביסט געווען קליין, און זיי האבן דיר געגעבן אלע שיינע קליידער וואס דו האסט געדארפט.

זיי האבן געוויינט פאר דיר און פאר דיין געזונט צום הייליגן באשעפער. זיי האבן דיך געטראגן אויף זייערע אקסלען און זיך געפלאגט פאר דיר מיט אלע זייערע כוחות. אין די רגע וואס דו האסט געהאט א וויטאג, האבן זיי געפאסט און געבעטן ביים אייבערשטן. זיי האבן געזארגט אז דו זאלסט אויפוואקסן מיט יראת שמים, מיט מצוות, תורה און מעשים טובים. זיי האבן דיר געקויפט אלעס וואס דו דארפסט, זיי האבן דיר געגעבן און מסדר געווען אז דו זאלסט האבן א גוטן שידוך, און זיי האבן געזארגט פאר דיין חתונה.

ממילא, טו זייער רצון און זאלסט זיי נישט ווידערשפעניגן, ווייל אויב דו וועסט זיי ווידערשפעניגן, וועלן זיי דיר שטעלן פאר א דין פונקט ווי א בן סורר ומורה, און מ׳וועט דיר באשטיינערן מיט שטיינער. זאלסט זיין געווארנט זיי נישט איבערצולאזן ווען זיי ווערן עלטער; זאלסט זיי באדינען אזוי ווי אן עבד באדינט זיין האר. זייערע בקשות זאלסטו אננעמען און ערפילן, און אין דעם זכות וועסטו מאריך ימים ושנים זיין.

### דער צווייטער טאג שבועות: די שותפות מיט׳ן באשעפער

דעם צווייטן טאג זאגט מען: דיין טאטע און דיין מאמע וואס האבן דיך אויפגעצויגן, האבן זיך באשעפטיגט מיט דיר זייער גאנצע לעבן. זיי האבן געשריגן און געבעטן ביים הייליגן באשעפער אז עס זאל זיי געבוירן ווערן א קינד, און זיי זענען עוסק געווען בשותפות מיט׳ן אייבערשטן, ווייל ״שלשה שותפין באדם: הקדוש ברוך הוא, אביו ואמו״. עס איז געבוירן געווארן א קינד לויט די באשטימטע זמנים וואס דער הייליגער באשעפער האט באשאפן, און זיי האבן זיך מזכה געווען דיך אריינצוברענגען בבריתו של אברהם אבינו. זיי האבן דיך אריינגעברענגט צו תורה, עבודה און יראת שמים. זיי האבן דיך ארומגענומען, דיר געגעבן צו עסן און צו טרינקען, און זיי האבן זיך געפלאגט און אוועקגעלייגט פאר דיר און פאר אלע דיינע געברויכן. זיי האבן געזארגט אז דו זאלסט אויסוואקסן בדרך הישר ובדרך המוסר, און האבן געלערנט מיט דיר די שפראך כדי דו זאלסט קענען לערנען תורה. זיי האבן דיר צוגעגרייט און ארויסגעהאלפן חתונה צו האבן מיט דיין ריכטיגן באשערטן, און שטענדיג דאווענען זיי און בעטן ביים אייבערשטן אז דו זאלסט האבן אלעס וואס דו דארפסט.

ממילא זאלסטו זיי אונטערהעלפן, זאלסט מאכן זיכער אז זיי האבן וואס צו עסן און וואס צו טרינקען, און האבן אלע מיני מטעמים. דו זאלסט זיי אויסצירן מיט ריינע כוסות און געבן שיינע קליידער. **הער זיי אויס אפילו ווען זיי שרייען אויף דיר, כדי זיי זאלן נישט זיין אין א צרה אדער אין אן ענגשאפט ווייל דו הערסט זיי נישט אויס.** הער זיך צו צו זייער מוסר און גיי נישט נאך ליידיגייערס. זיי מקיים די מצוה פון כיבוד ומורא אב ואם אזוי ווי עס שטייט אין די תורה, דעמאלטס וועסטו מאריך ימים זיין און דו וועסט זיין ריין פון עבירות. ווייל די תורה האט צוגעגליכן דעם כבוד און די מורא פון א טאטע און א מאמע צו דעם כבוד און די מורא פונעם הייליגן באשעפער, און דער הייליגער באשעפער היט אפ און פירט אויס אלע זיינע הבטחות.

און טאקע צוליב די מצוה פון כיבוד אב ואם, האבן אלע אומות העולם מודה געווען אז דער אויבערשטער האט נישט געגעבן די תורה נאר פאר זיך אליין, נאר ער האט אינזין געהאט אנדערע אויך. דאס איז א ראיה אז דער אייבערשטער האט געהייסן מען זאל מכבד זיין א טאטע און א מאמע און נישט נאר אים אליין, און דאס האט געברענגט אמונה אין די גאנצע וועלט.

### א רוף צו התעוררות: די הארבקייט פון דער מצוה

מיר ווילן דא שטארק מעורר זיין, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער. ״כבד את אביך ואת אמך״ שטייט אין די עשרת הדברות, וואס מ׳גייט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן א פרשת ואתחנן ה מנחם אב תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

איצט ליינען. יעדער איינער דארף זיך גוט אריבערטראכטן, טיף ארייינטראכטן און געדענקען: **מיין טאטע און מיין מאמע האבן נישט קיין מצוה און זיי האבן נישט קיין עבירה ווען עס קומט בנוגע זייערע קינדער; אבער א קינד, קינדער האבן א חמורות-שבחמורות'דיגע מצוה פון כיבוד אב ואם און פון מורא אב ואם.**

מ'גייט איצט מקבל זיין די תורה. וויאזוי איז מעגליך אז א איד זאל מקבל זיין די תורה אויב זיין טאטע און מאמע עסן זיך אויף, בענקען זיך, ווערן צוקלאפט, ווערן פארשעמט און ווערן דערווייטערט? זיי געפינען זיך אין ענגשאפט און אין יסורים, ווייל די קינדער פאראורזאכן זיי די ענגשאפט און יסורים. די גאנצע קבלת התורה איז דאך כיבוד ומורא פונעם הייליגן באשעפער, און דער אויבערשטער האט דאס צוגעגליכן צו כיבוד ומורא אב ואם.

די תורה ברענגט אלע השפעות טובות און אריכות ימים. אבער ווען עלטערן זיצן אין צער, ווען קינדער זענען מצער די עלטערן, מען טיילט זיי איין, מען קאנטראלירט זיי און מען באמוטשעט זיי – אויף דעם שטייט נישט "למען ייטב לך", און נישט אויף דעם שטייט "למען יאריכון ימיך".

**די השפעה פון די גוי'אישע וועלט אויף כיבוד אב ואם**

מען דארף זיך שטארק ארייינטראכטן אין דעם וואס מיר לעבן אין א זייער גוי'אישע וועלט, וואו קינדער ערלויבן זיך צו טון מיט די עלטערן כל מה שלבם חפץ; זיי טוען מיט די עלטערן וואס זיי ווילן, זיי קאנטראלירן זיי, יא רעדן אדער נישט רעדן, יא אפהאקן אדער נישט אפהאקן, און זיי צוברעכן. מען לאזט איבער די עלטערן אליין, מען לאזט זיי זיצן און זיך וויקן אין יסורים, רחמנא ליצלן.

דאס איז נישט קיין קבלת התורה, און דאס איז נישט דער רצון השם. וויאזוי קענען קינדער צוגיין צו א שמחת יום טוב מיט אזא חמורה שבחמורות'דיגע זאך פון מצער זיין די אייגענע עלטערן? ווען די עלטערן געפינען זיך אין א שרעקליכן צער, איז כביכול די שכינה הקדושה אויך אין צער; ווי קומט דען אריין א שמחת יום טוב אין אזא פאל?

**די זכיה פון די וואס פירן זיך אויף מיט הכנעה צו די עלטערן**

**מה שאין כן די מסירות-נפש'דיגע, וואוילע און ערליכע אידישע קינדער וואס געבן זיך אוועק פאר די מצוה פון כיבוד אב ואם; זיי הערן אויס די עלטערן, זענען מכבד די עלטערן, און געבן אפ דעם גרעסטן כבוד פאר די עלטערן. זיי קאנטראלירן נישט די עלטערן, נאר האבן אן הכנעה און א ביטול צו זיי, אזוי ווי עס שטייט אין שולחן ערוך און ווי דער רמב"ם זאגט, אז די עלטערן זענען ווי א קעניג און א קעניגין – חשוב און דערהויבן. אשרי להם ואשרי חלקם! זיי וועלן האבן אריכות ימים, עס וועט זיי זיין "טוב לך", זיי וועלן באקומען א גרויסן שכר, און דאס איז די ריכטיגע קבלת התורה.**

דער הייליגער באשעפער קוקט זיך צו ווי די אידן מפיץ זענען די אמונה און מפיץ זענען די תורה אויף דער וועלט, און דער אייבערשטער קומט זיי אקעגן מיט אלע השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות. יעדער איינער זאל געדענקען און מען טאר קיינמאל נישט פארגעסן: די וועלט איז נישט הפקר! עס זענען דא זאכן וואס א טאטע און א מאמע קענען כמעט נישט עובר זיין אויף די תורה לגבי די קינדער, אבער ביי די קינדער קען מען זייער שנעל עובר זיין אויף חמורות שבחמורות. מען זאל געדענקען אז עס זענען דא אסאך מענטשן וואס האבן פארגעסן אז זיי האבן אויך קינדער, און עס איז נישט קיין חכמות.

דער הייליגער באשעפער זאל יעדעם שיקן אך טוב וחסד, און מיר זאלן זוכה זיין מקיים צו זיין די גרויסע מצוה וואס דער אייבערשטער וויל מיט אלע הידורים, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

בס"ד. מיר בעטן פון אלע אידישע קינדער אז מען זאל ארייינשיקן מעשיות פון סייעתא דשמיא, פון השגחה פרטית, פון נסיונות, פון התגברות, און פון ישועות וואס מען האט געזען דורך מקיים זיין כיבוד אב ואם, ובפרט מיט מסירות נפש. מיר וועלן דאס מפרסם זיין סיי דא אין די שיעורים און סיי אין א ספעציעלן גליון וואס וועט ארויסגעגעבן ווערן מזכה צו זיין את הרבים. די גרעסטע ישועות פועל'ט מען דורך כיבוד אב ואם.

## **זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**